NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03931

# HANIKE

H. Krukman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# חנוכה

געשריבן און געצייכנט

פון

## הערב קרוקמאַן

פאָלקס-פאַרלאַג
פון
יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס-אָרדן, א. אַ. אָ.

Copyright

Book League of the

Jewish Peoples Fraternal Order, I.W.O.

209

PRINTED IN U. S. A.

פֿון אַלע יום-טובֿים האָבן דוד און יהודית אַמבעסטן ליב געהאַט דעם יום-טובֿ חנוכה. גאַנצע טעג האָבן זיי זיך געשפּילט מיט זייערע דריידלעך. זיי האָבן געשפּילט — פֿאַר לעקעכלעך, פֿאַר צוקערלעך, און אַמאָל בלויז צו זען ווער ס׳וועט געווינען.

שיינע ליכטעלעך האָבן געברענט אין דעם חנוכה-לעמפּל. עס איז געווען דער פֿינפֿטער טאָג חנוכה. די מאַמע, אַפּראַמענדיק פֿון טיש נאָך דער וועטשערע, האָט מיט אַ שמייכל נאָכגעקוקט ווי די קינדער מאַרשירן אַרום דעם צימער, פּאַטשנדיק מיט זייערע הילצערנע שווערדלעך און קלינגענדיק מיט זייער חנוכה-געלט.

דער טאַטע האָט זיי באַטראַכט פֿון זיין שאָקל-שטול. דוד און יהודית האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אים סאַלוטירט ווי סאָלדאַטן. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי שוין פֿאַרגעסן, אַז זיי זיינען

סאָלדאַטן. זיי זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן טאַטנס קני און האָבן אים אָנגעהויבן פרעגן פראַגעס, אָט־אַזוי ווי איר אַליין טוט אַ סך מאָל מיט אייער טאַטע.

„טאַטע, דערציייל אונדז וועגן חנוכה!" — בעט זיך דוד.

„פאַרוואָס פייערן מיר חנוכה?" — פרעגט אויך יהודית.

„דערציייל אונדז וועגן די מאַקאַבייער!" — קוקן די קינדער אַרויף צו זייער טאַטן און וואַרטן.

דער טאַטע האָט אָנגעשטעלט אַ קאָמיש פנים און האָט צוגעשטעלט דעם פינגער צום שטערן. „הערט זיך איין," זאָגט ער, „אויב די מאַמע וועט אונדז לאָזן, וועלן מיר זיך אַלע לאָזן גיין צוריק, צוריק... צו דער צייט פון די מאַקאַבייער, און אָנהייבן לעבן מיט זיי."

די קינדער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פריידיק געשריי. אַראָפגעשפרונגען פון טאַטנס קני און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער מאַמען. „מאַמע, לאָז אונדז". האָבן זיי זיך געבעטן ביי איר, „לאָז אונדז גיין צוריק... צו די צייטן פון די מאַקאַבייער."

די מאַמע האָט פאַרוואָרפן מיט די הענט און כלומרשט אָנגעשטעלט זייער אַן ערנסט פנים. „גוט, גוט," האָט זי געזאָגט, „אָבער פרעגט נאָר אייער טאַטן, צי ער איז זיכער, אַז ער ווייס דעם וועג צוריק."

זיינען זיי שוין ווידעראַמאָל אויפֿן טאַטנס קני. ער עפֿנט אַ בוך, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פֿון דער ביכער־שאַפֿע, און ווייזט אָן מיטן פֿינגער אויף אַ מאַפּע.

— איצט, קינדער, האָט ער געזאָגט — אַזוי ווי מיר לאָזן זיך אַוועק אין אַ גרויסן און ווייטן וועג צו די אַמאָליקע צייטן, דענקט איר נישט, אַז ס'וואָלט אונדז ניט געשאַט אַביסעלע צו שטודירן די געאָגראַפֿיע און די געשיכטע פֿון דעם פּלאַץ, צו וועלכן מיר לאָזן זיך אַוועק?

די קינדער האָבן צוגעשטימט, שאָקלענדיק מיט זייערע קעפּ.

— איר זעט, — רעדט ווייטער דער טאַטע — דאָס פּלאַץ אויף דער מאַפּע איז פּאַלעסטינע. גרויסע און וואונדערלעכע זאַכן האָבן דאָ געטראָפֿן מיט אונדזער פֿאָלק. אין דער צייט, אָבער, וועגן וועלכער איך וועל אייך דערציילן, איז פּאַלעסטינע געווען אונטער דער פּערסישער הערשאַפֿט. פּערסיע איז געווען אַ גרויסע אימפּעריע. דאָס מיינט זי האָט געהערשט איבער קלע־נערע לענדער. צו צפֿון פֿון פּאַלעסטינע איז געווען סיריע און צו דרום איז געווען עגיפּטן. אויך די לענדער זיינען געווען אונטער פּערסיע. אין יענער צייט האָבן די יידן געלעבט אַ פֿרידלעך לעבן. זיי האָבן זיך געקאָנט לעבן ווי זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן גע־

קאָנט לערנען זייערע קינדער וואָס זיי האָבן געוואָלט. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן געצאָלט שטייערן צו דער פערסישער רעגירונג און אַ פערסישער גאָווערנער האָט געוואוינט אין ירושלים און האָט געהערשט איבער דעם לאַנד.

— אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ שטיק צייט, ביז ס׳איז אויפגע-

שטאַנען אַ מאַן, וואָס האָט נאָר געוואָלט פאַרכאַפּן פרעמדע לענדער. זיין נאָמען איז געווען אַלעקסאַנדער דער גרויסער. מיט זיין גרויסער אַרמיי האָט ער איינגענומען פערסיע און פאַלעס-טינע. סיריע און עגיפּטן זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער גריכישער הערשאַפט. דעמאָלט האָט אַלעקסאַנדער אָנגעהויבן

דורכפירן זיינע פּלענער. ער האָט אָנגעהויבן בויען גריכישע שולן אין די איינגענומענע לענדער און ער האָט געוואָלט איינפירן, אַז אַלע מענטשן זאָלן לעבן ווי גריכן און זאָלן נאָר טראַכטן אַזוי ווי ער וועט הייסן. האָבן זיך די יידן פון פּאַלעסטינע צעטיילט אין צוויי גרופּעס. אַ סך רייכע יידן האָבן געדענקט, אַז זיי וועלן זיך לעבן אַ גוטן טאָג, ווען זיי וועלן טאָן ווי אַלעקסאַנדער הייסט. האָבן זיי אָנגעהויבן לעבן פּונקט ווי די גריכן. די אָרעמע יידן, אָבער, האָבן געזען, אַז ס'איז ניט גוט אַזוי. זיי איז ניט געפעלן געוואָרן צו פאַרקויפן זייער פרייהייט. זיי האָבן געוואָלט דענקען און לעבן ווי זיי געפעלט.

— אָבער אַלעקסאַנדער איז פּלוצלונג געשטאָרבן. די גרויסע אימפּעריע, וואָס ער האָט איינגענומען, האָט זיך אָנגעהויבן צעפאַלן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן סיריע און עגיפּטן. פאַרשטייט זיך, אַז פּאַלעסטינע איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן צווישן ביידע מלחמה-פירנדיקע לענדער. כמעט הונדערט יאָר האָבן די ביידע פיינטלעכע לענדער זיך געשלאָגן, און פּאַלעסטינער ערד איז כמעט די גאַנצע צייט געווען זייער מלחמה-פעלד.

— עס האָט געמוזט זיין שווידערלעך, — האָט אויסגערופן יהודית, ווען דער פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דוד האָט זיך אויסגעצויגן גלייך ווי אַ סטרונע.

— ווען גייען מיר שוין צוריק... זיך אָנשליסן אין די מאַקאַבייער, פּאַפּאַ?

— ס'איז נאָך אַביסל צו פרי פאַר די מאַקאַבייער, — האָט באַמערקט דער פאָטער. — נאָר, נישקשה, מיר זיינען שוין איצט צוריק אין די אַלטע צייטן... איר, קינדער, וועט אַצינד דאַרפן זיין בראַוו.

— אָ, מיר וועלן שוין זיין בראַוו, — האָבן אויסגעשריען דוד און יהודית.

— אַ גרויסער עולם איז אין גאַס, — האָט ווידער אָנגעהויבן דער פּאָטער — עס איז אַ גרויסע אויפרודערונג. מענטשן לויפן און שרייען. איך קוק זיך איין אין דעם עולם און דערזע מיין דודן און יהודית מיט זייער מוטער. איך רוף זיי. דער מאַמעס אויגן זיינען פול מיט טרערן פון פרייד. „די מלחמה האָט זיך געענדיקט!" וויינט זי.

— דוד איז זייער צערודערט און ער שרייט צו מיר: „די סיריער האָבן געוואונען, וואָלסט געמעגט זען וויפיל עגיפּטישע געפאַנגענע זיי האָבן גענומען!"

— וואָס האָב איך געזאָגט? — פרעגט יהודית.

— דו ביסט געווען צו פאַרנומען, דו האָסט בלויז געקוקט אַהין-און-אַהער. איך דענק אַז דער טומל האָט דיך אַפילו אַביסל אָנגעשראָקן. — און דער טאַטע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— מיידלעך זיינען אַזוי שרעקעדיק, — זאָגט דוד.

— ניין, ניט נאָר מיידלעך, — רעדט ווייטער דער טאַטע. — אַ סך מענטשן זיינען אָנגעשראָקן. מיר שטייען אַלע צוגערוקט איינער צום אַנדערן. דער עולם האַלט אין איין רעדן און זיך נאָכפרעגן. וואָס פאַר אַ שלום וועט עס זיין? וועלן די סיריער אונדז לאָזן לעבן אין פרידן? דער טאַטע און די מאַמע רעדן צו זייערע פריינט, און דוד מיט יהודיתן רעדן צו די קינדער.

— אין דער צייט מאַרשירן די סירישע סאָלדאַטן אַריין אין שטאָט. אין דער ערשטער מינוט כאַפּן זיך דוד מיט יהודיתן זיי צו באַגריסן, ווייל זיי געפעלט ווי די סאָלדאַטן מאַרשירן אַזוי בראַוו. אָבער איר, קינדער, הייבט אָן שנעל פאַרשטיין, אַז מען דאַרף זיי פיינט האָבן, ווייל זיי זיינען ניט קיין גוטע מענטשן. זיי הייבן גלייך אָן שלאָגן די אָרעמע מענטשן, רייסן זיך אַריין אין די הייזער, אין סינאַגאָגעס, און צעברעכן אַלץ און גנבענען.



— אַפּילו גאָר קליינע קינדער פֿאַרשטייען שוין איצט, אַז אַנטיאָכוס עפּיפֿאַנוס, דער סירישער מלך, איז אַ משוגענער דיקטאַטאָר. מיינע קליינע דוד און יהודית זיינען טרויעריק. זיי דאַרפֿן לערנען אין אַ באַהאַלטן פּלאַץ. מעגלעך אַז צום ערשטן מאָל הייבן זיי אָן פֿאַרשטיין וואָס עס מיינט זיין פֿריי און קאָנען גיין אין שול און לעבן אין פֿרידן.

— אַ מאַן קומט אַריין צו מיר, אייער טאַטן, און רוימט איין אַ סוד אין אויער. איך שאָקל צו מיטן קאָפּ. דער מאַן גייט ווייטער און רעדט שטילערהייט צו אַנדערע מענטשן. עס דאַרף זיין אַ פֿאַרזאַמלונג אין אַ פֿאַרבאָרגן פּלאַץ. יאָ, מיר וועלן אַלע דאָרטן זיין.

— עס איז ביינאַכט. איך טראָג דודן, די מאַמע טראָגט יהודיתן. מיר גייען צו צו אַן אַלטער איינגעפֿאַלענער וואַנט

אויסער דער שטאָט. מיר באַגעגענען אַלע אונדזערע שכנים. אַלע קוקן אַרויף צו אַן אַלטן מאַן, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וועלכער טראָגט אַ פאַקל אין זיין האַנט. דאָס איז מתתיהו דער כהן. ער איז דער פירער. מיט אים גייען זיינע פינף שטאַרקע זין. דוד קוקט אויף זיי און טראַכט זיך: ווען איך וואָלט געווען אַזוי גרויס און שטאַרק ווי זיי...

— און איך וועל טאַקע זיין ווי זיי, — רייסט איבער דוד.

— שטיל, — איז יהודית אין כעס — איך וויל הערן.

דער פאָטער האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך גענומען ווייטער דערציילן.

— מתתיהו שטעלט זיך אַוועק רעדן פאַרן עולם. אַ ציטער גייט דורך דורך אַלעמען. מענער פאַרשטייפן זייערע פויסטן; פרויען וויינען. מיינע קליינע דוד און יהודית דערפילן זיך ווי דערוואקסענע און זיי ווילן אויך עפּעס טאָן.

— וועלן מיר דערלאָזן אַז אַנטיאָכוס זאָל טרעטן אויף אונדז? וועלן מיר דערלאָזן אַז די סיריער זאָלן אַרויסרייסן אונדזערע קינדער פון אונדזערע אָרעמס? — רופט אויס דער אַלטער מתתיהו.

יהודית און איר מוטער האַלטן זיך צוזאַמען, און דוד שטייט אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע לעבן זיין פאָטער און שרייט אויס מיט אַלעמען: „ניין!"

— דער עולם צעגייט זיך אַהיים. יעדער איינער לעבט אין שרעק. דוד און יהודית האָבן זיך אויסגעלערנט צו האַלטן די אויגן אָפן. זיי זעען אַ סך זאַכן. זיי הערן וועגן גרויסע יידישע העלדן. האָבן זיי אויך געהערט וועגן אַ פרוי מיט אירע זיבן זין. די סאָלדאַטן האָבן געבראַכט אַ פרוי, חנה, מיט אירע זיבן זין פאַר דעם מלך. דער מלך וואונדערט זיך. אָט די שוואַכע פרוי וויל אים ניט פאָלגן. דעם מלכ'ס אייגענע סאָלדאַטן באַוואונדערן איר העלדישקייט.

— ווילסטו לעבן ווי אַ גריכישע פרוי ? — פרעגט דער מלך.
— ניין ! — דער „ניין" איז אַ ווייכער, אָבער יעדער איינער פילט, אַז דער מלך וועט קיין אַנדער ענטפער ניט קריגן.
— אַנטיאָכוס ווערט ווילד. ער גייט צו צום עלטסטן זון, ווייזט אים אָן אויף אַ געץ און צעשרייט זיך: „בוק זיך צום גריכישן גאָט !"

דאָס יינגל האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן.

דער מלך רעדט צו דער מוטער: „זאָג אים, ער זאָל טאָן ווי איך הייס, אויב ניט וועט ער שטאַרבן."

„איך קען ניט," ענטפערט חנה, און דער מלך ווערט אַזוי בייז, אַז ס'איז שרעקלעך צו קוקן אויף אים.

„טויט אים !" טוט ער אַ באַפעל, און זיינע סאָלדאַטע נעמען דאָס יינגל אַוועק.

— נאָך פינף יינגלעך ווערן אַוועקגעשטעלט פאַרן מלך און זיי ווילן אים ניט פאָלגן. די סאָלדאַטן נעמען זיי אויך אַוועק צום טויט. עפּעס אַ מאָדנע זאַך פּאַסירט מיטן מלך. ער הייבט אָן

מורא צו האָבן פֿאַר די קינדער. דער לעצטער זון שטייט שוין פֿאַר אים. ער פֿילט, אַז ער הייבט אָן צו ציטערן פֿאַרן דאָזיקן זיבן־יאָריקן ייִנגעלע. פֿון וואַנען נעמט זיך צו די דאָזיקע מענטשן אַזוי פֿיל שטאַרקייט? אָט שטייט עס דאָרטן דאָס קליינע ייִנגעלע. זיינע אויגן קוקן דרייסט און אָן מורא.

דער מלך וואַרט אַ ווײַלע, זיינע נערוון זאָלן זיך אַביסל באַרויִקן.

„נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַ מלך,‟ טראַכט ער, און ער איז ניט מער ווי אַ קליין ייִנגעלע. איך וועל אים אָפּנאַרן.‟

נעמט ער אַראָפּ זיין רינגל פֿון דעם פֿינגער און לאָזט עס אַראָפּפֿאַלן אויפֿן דיל. איצט מוז אים דאָס ייִנגעלע פֿאָלגן. „הייב אויף מיין רינגל,‟ זאָגט ער צום ייִנגעלע.

אַלע קוקן צו דעם יונגן בחורל. וועט ער פֿאָלגן, צי ניט? באַלד האָבן אַלע דערהערט אַ קלאָר קלינגענדיק שטימעלע: „איך קען דאָס ניט טאָן,‟ האָט ער געזאָגט, „ווייל דאָס וועט הייסן, אַז איך בייג זיך פֿאַר דיר און פֿאַר דיין געץ.‟

... „דער טויט פֿון חנהן מיט אירע זיבן זין מאַכט אונדז זייער בייז. מיר ווייסן איצט, אַז מיר דאַרפֿן שווער קעמפֿן זיך צו באַ־

פרייען פון די סיריער און זייער שלעכטן מלך. דוד און יהודית פילן זיך שוין ווי גרויסע מענטשן. דוד העלפט מתתיהון און גייט, וואוהין דער פירער שיקט אים, און יהודית העלפט אַרויס איר מוטער.״

אין איינעם אַ טאָג קומט דוד צולויפן אין הויז אַריין. ער האָט זייער אַ וויכטיקע זאַך איבערצוגעבן צו זיין פּאָטער און צו די פּאָטערס פון אַנדערע קינדער. יעדער איינער מוז זיין גרייט. עפּעס וועט פּאַסירן דעם טאָג אויפן מאַרק־פּלאַץ.״

„דוד און יהודית זיינען אויך אין מאַרק צוזאַמען מיט אַלע יידן, זיי שטייען אויף באַהאַלטענע פּלעצער, ווי מ׳האָט זיי אָנגעוויזן. זיי, ווי אַנדערע קינדער, פירן דורך מתתיהו׳ס באַפעלן. פון הינטער אַ וואַנט קאָנען זיי זען דעם מאַרק־פּלאַץ. סירישע סאָלדאַטן שטעלן אָפּ יידישע מענטשן און פייניקן זיי. מיטאַמאָל כאַפּן זיי איינעם פון די יידן. אַן אָפיצער צווינגט אים זיך צו שטעלן אויף די קני פאַר אַ גריכישן געץ. דוד׳ס און יהודית׳ס הערצער הייבן אָן צו שפּרינגען, ווען זיי דערזעען ווי מתתיהו קומט פון ערגעץ אַרויס און וואַרפט זיך אויף דעם גריכישן אָפיצער. דאָס איז געווען דער סיגנאַל. יידן שפּרינגען האַסטיק אַרויס פון גריבער, פון הינטער איינגעפאַלענע הייזער און פון אַנדערע פּלעצער. זיי טראָגן געווער, וואָס זיי האָבן אויסבאַהאַלטן. אַך, האָבן מיר זיי צעקלאַפּט, די סיריער!״

— וואָס האָסטו געטאָן, טאַטע? — האָט איבערגעשלאָגן דוד. — האָסטו געקעמפט ווי אַ העלד?

— וועל, — האָט דער טאַטע אַ ברייטן שמייכל געטאָן — ווען אייער מאַמע וואָלט מיר נאָר געגלויבט...״

— אָ, דערציילער, — האָט די מאַמע געזאָגט. — דו ווייסט דאָך, אַז איך גלויב אַלץ, וואָס דו זאָגסט.

— דער אמת איז, אַז איך בין ניט געווען פון די ערגסטע,

אָבער דאָס זאָלן שוין אַנדערע דערציילן, — און דער פֿאָטער האָט ווייטער דערציילט:

— מיר אַלע האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן. די סיריער וואָלטן זיכער געקומען נאָך אונדז. איר, דוד און יהודית, איר העלפֿט אַ סך דער מאַמען און איר ברענגט אונדז שפּייז און אַנדערע נייטיקע זאַכן. זיינען מיר שוין באַהאַלטן אין זיכערע פּלעצער אין די בערג. איך מוז זאָגן, אַז איר, קינדער, האָט, ווייזט אויס, מער ליב די בערג, איידער מיר דערוואַקסענע. עס זעט אויס, אַז איר פֿאַרברענגט גאַנץ גוט, שפּילנדיק אין באַהעלטעניש אין די בערג. דוד איז געוואָרן אַ גוטער יעגער און ער העלפֿט אַ סך אַרויס, ספּעציעל ביים צוגרייטן געווער צום קאַמף. יהודית קען זייער גוט ריין האַלטן אונדזערע היילן און העלפֿט אַרויס דער מאַמען מיטן קאָכן. יאָ, איך, אַ פּשוטער סאָלדאַט ביי מתתיהו'ן, בין זייער שטאָלץ מיט מיינע קינדער.

„די נייעס וועגן אונדזער קאַמף פֿאַרשפּרייט זיך איבערן גאַנצן לאַנד. יידן פֿון דעם גאַנצן לאַנד קומען זיך אַנשליסן אין דער אַרמיי פֿון דעם העלדישן מתתיהו'ן; אונדזער אַרמיי ווערט גרע-סער און גרעסער. מיר פֿאַלן שוין אָן אויף די סירישע פֿעסטונגען.

צום אָנהייב האָט דער מלך זיך אויסגעלאַכט פון אונדזער אַרמיי, אָבער גאָר גיך האָט ער דערזען, אַז ס'איז ניט קיין געלעכטער. האָט ער גענומען אויסלאָזן זיין כעס אויף זיינע סאָלדאַטן: פאַר-וואָס זיי זיינען ניט אויף דער וואַך. מיר זיינען אויך אין כעס, אָבער אונדזער כעס איז אַן אַנדערער: אונדז האָט מען אַרויסגעטריבן פון אונדזערע היימען.

— ...מתתיהו איז שוין זייער אַלט. זיינע פינף זין שטייען ביי זיין קראַנקן-בעט. דער אַלטער ווייסט, אַז ער וועט גיך שטאַרבן. זיין קערפּער, וואָס איז אַמאָל געווען שטאַרק, איז איצט אַלט און שוואַך. זיינע אויגן קוקן די גאַנצע צייט אויף יהודה המכבי. ער וויל אַז זיין העלדישער זון זאָל ווערן דער פירער נאָך זיין טויט.

— אַלע רעדן וועגן יהודה המכבי, אַלע ווייסן שוין, אַז ער האָט פאַרנומען זיין פאָטערס פּלאַץ. ער איז אַ גרויסער פירער. זיינע מענער האָבן אים ליב און זיינען גרייט צו שטאַרבן פאַר אים. ער איז בראַוו. און אַלע זיינע מענער ווילן זיין אַזוי בראַוו ווי ער.

— אָבער עס איז ניט גרינג צו לעבן אַזוי ווי מיר לעבן. אַמאָל פעלט אוים שפּייז, און דוד און יהודית ליידן הונגער גלייך מיט אַלעמען. זיי באַקלאָגן זיך ניט. יעדער איינער איז גרייט צום גרויסן קאַמף. יהודה המכבי טרענירט זיינע מענער צום קאַמף. דוד האַלט אָפן די אויערן און די אויגן: ער הערט און זעט. ער וועט אַמאָל קעמפן אין דער אַרמיי פון די מאַקאַבייער. אָ, ווי שטאָלץ ער וועט זיין אין דעם טאָג, ווען ער וועט אויך קאָנען אויפהייבן זיין שווערד קעגן די שונאים פון זיין פאָלק. יהודית וויל זייער ווערן אַ דערוואַקסענע פרוי און קאָנען מער טאָן פאַר איר פאָלק. אָבער אויך קינדער קאָנען העלפן. עס זיינען דאָ אַ סך קליינע זאַכן, וואָס קינדער קאָנען טאָן בעסער ווי גרויסע.

דוד אָרגאַניזירט אַן אַרמײ פֿון ייִנגלעך צו העלפֿן די סאָלדאַטן. יהודית העלפֿט אַרױס איר מוטער אַכטונג צו געבן אױף די קראַנקע און הילפֿלאָזע.

— דער גרױסער טאָג איז געקומען. קלעטערנדיק אױף די העכסטע בערג קוקט זיך דוד אײַן אין דער װײַטקײט. זײַנע אױגן דערזעען אַ לאַנגע רײ, װאָס שלענגלט זיך דורך די בערג. זײַן האַרץ הײבט אָן צו שפּרינגען. ער װײסט שױן װאָס דאָס איז. דאָס קומט די אַרמײ פֿון אַנטיאָכוס אָנצופֿאַלן אױף די ייִדן. ער לױפֿט שנעל צו יהודה המכבי׳ס געצעלט.

„װאָס איז מיט דיר, מײַן ייִנגל?” — פֿרעגט אים יהודה מיט זײַן דונערנדיקער שטימע.

— די סיריער! זײ קומען! — שרײַט אױס דוד.

יהודה לױפֿט האַסטיק אַרױס פֿון זײַן געצעלט און הײבט אָן בלאָזן אין זײַן טראָמפּײט. פֿון אַלע זײַטן קומען זיך צונױפֿ מענער מיט שװערדן און שפּיזן. יהודה הײבט אױף זײַן גרױסע שװערד.

— מענער פֿון ישׂראל! — האָט זײַן קול אַ דונער געטאָן. — דער שונא דערנענטערט זיך. מיר שטײען איצט פֿאַר אַ גרױסער שלאַכט. איך בין זיכער אַז מיר װעלן געװינען. איך װײס, אַז איך קען זיך פֿאַרלאָזן אױף יעדן אײנעם אין מײַן אַרמײ. מיר װעלן פֿאַרטרײַבן דעם שונא. מיר װעלן צוריק אָפּנעמען אונדזערע הײמען.



— די מענער האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ הילכיק געשריי. יעדער איינער האַלט שטאַרק זיין שווערד. יהודה, מיט זיינע פיר ברידער אַרום אים, נעמט זיך פירן זיין אַרמיי. יהודה גיט אַ באַפעל און זיינע העלדן צעשפּרייטן זיך. איצט זיינען זיי אַלע גרייט. דאָס קלאַפּן פון די גריכישע טריט ווערט העכער. דוד לויפט אַוועק צום שפּיץ באַרג. פונוואַנען ער קען אַלצדינג זען. איצט קען ער אַראָפּקוקן און זען דאָס גאַנצע מלחמה-בילד. די מאַרשירנדיקע גריכן פאַרנעמען זיך צום הויפּט-וועג. אונטער אים גייט פאַרביי אַ ריזיקע אַרמיי, שיין געקליידט, מיט גלאַנצנדיקע שווערדן און שפּיזן. עס איז אַ גרויסע אַרמיי, זייער גוט אויסגעמושטירט. דוד דערפילט, אַז עס כאַפּט אים אָן אַ ציטער.

— דוד ווייסט קלאָר, וואָס עס וועט באַלד פּאַסירן... אָבער — פּלוצלונג קומען אַרויס יהודה המכבי מיט זיינע ברידער פון הינטער אַ פעלז. יהודה לאָזט אַרויס אַ מלחמה-געשריי. פון אַלע זייטן קומען אַרויס יהודה'ס מענער. דוד קוקט אַרונטער. ער זעט ווי יהודה המכבי טוט זיך אַ וואָרף פאָראויס. דער גרויסער פירער לאָזט פליען זיין מעכטיקע שווערד אויף רעכטס און אויף לינקס. גריכישע סאָלדאַטן פאַלן אין אַלע זייטן. די יידישע סאָלדאַטן וואַרפן זיך פאָראויס נאָך זייער פירער. אומעטום זעט מען יהודה'ן מיט זיינע ברידער. דוד קוקט זיי נאָך מיט ברייט-צעעפנטע אויגן און באַוואונדערט זייער העלדישקייט. דוד זוכט מיט זיינע אויגן זיין פאָטער צווישן די קעמפער, אָבער ער קען אים ניט געפינען. איך ווייס אַז דוד איז אויבן אויף אַ פעלדז, אָבער איך האָב קיין צייט ניט אַרויפצוקוקן, ווייל איך בין שטאַרק פאַרנומען.

— דוד האָט זיך זיין אַרבעט. די גריכישע סאָלדאַטן ווערן געטריבן פונקט אונטער זיין באַרג. דוד טוט אַ פייף און עס באַווייזט זיך זיין אַרמיי פון יינגלעך, דודס אַרמיי. ער גיט באַפעלן. די יינגלעך קייקלען אַרונטער גרויסע שטיינער פון דעם





באַרג. גלייך אויף די גריכן קייקלען זיך די גלאַטע שטיינער און פאַלן און צעקוועטשן די גריכישע סאָלדאַטן. אין דער זעלביקער צייט קומען אָן יהודהס סאָלדאַטן פון אַלע זייטן. די גריכישע רייען ברעכן זיך. זיי צעלויפן זיך אין אַלע זייטן. אונדזערע מענער יאָגן זיך נאָך זיי. יהודה המכבי קוקט אַרויף צו דודן און פאָכעט צו אים מיט זיין שווערד מיט גרויס צופרידנקייט. איך שטיי הינטער יהודה המכבי און איך פיל זיך זייער שטאָלץ. דער גרויסער מאַן פאָכעט מיט זיין שווערד צו מיין זון.

— מיר האָבן געזיגט. יהודה המכבי גייט אַרום צווישן זיינע מענער. זיין האַנט איז באַנדאַזשירט. ער שמייכלט. ער קומט אַריבער צו אונדזער ביידל, בעת די מאַמע האַלט ביים אַרומבינדן

אַ ליכטע וואונד, וואָס איך האָב געקראָגן אויף מיין האַנט. יהודית העלפט איר אַרויס מיט די באַנדאַזשן. יהודה לייגט אַרויף זיין העלדישע האַנט אויף דודס קאָפּ און זאָגט מיר, אַז איך האָב צוויי פיינע קינדער. איך בין זייער שטאָלץ, און זאָג אים, אַז מיר וועלן אַלעמאָל קעמפן פאַר אונדזער פאָלק.

דער גרויסער מאַקאַבייער שאָקלט מיט זיין קאָפּ. „איך וויס," זאָגט ער.

* * *

— קינדער, שוין צייט צו גיין שלאָפן! — דער מאַמעס שטים האָט זיי פלוצלונג אויפגעוועקט, ווי פון אַ טיפן שלאָף.

— אַ שאָד! — האָט אויסגעשריען דוד.

— אָ, ס'איז געווען וואונדערבאַר! — האָט אויסגעשריען יהודית.

דער טאַטע האָט זיך צעלאַכט: „איך גלויב אַז די מאַמע האָט אונדז צוריקגעבראַכט פון די צייטן פון די מאַקאַבייער. מיר זיינען צוריק אין אונדזער צייט."

— דערציילט אונדז דעם סוף, טאַטע, — האָט זיך דוד געבעטן.

— האָבן מיר נאָכאַמאָל געקעמפט קעגן די גריכן?

— יאָ, — האָט געזאָגט דער טאַטע — עס זיינען פאָרגעקומען נאָך שלאַכטן, און אין יאָר 165 פאַר דער איצטיקער צייט-רעכע-נונג האָט יהודה המכבי ענדלעך צוריקגענומען ירושלים.

— און דערפאַר צינדן מיר אָן די חנוכה-ליכטלעך? — האָט געפרעגט יהודית.

— יאָ, חנוכה איז אַן אַכט-טאָגיקער יום-טוב פון גרויס פרייד, — האָט געזאָגט דער טאַטע. — מען רופט אים דער יום-טוב פון ליכט. מיר פייערן אונדזער געוואונענעם קאַמף פאַר פרייהייט.

— טאַטע! — האָט אויסגעשריען דוד. — אונדז האָט זיך אויף אַן אמתן אויסגעוויזן, אַז מיר האָבן געלעבט אין די צייטן פון די

מאַקאַבייער און אַז מיר האָבן טאַקע געהאָלפן קעמפן פאַר פריי-הייט. ס׳איז גוט צו קעמפן פאַר פרייהייט, טאַטע.

דער טאַטע שמייכלט.

— איך בין צופרידן צו הערן פון דיר אַזעלכע רייד, דוד. דאָס פאַרנעמען ירושלים איז ניט געווען דער סוף פון קאַמף. די יידן האָבן נאָך אַלץ ניט געקאָנט לעבן אין פרידן. די סיריער האָבן זיך צוריקגעקערט מיט נייע אַרמייען. יהודה המכבי איז גע-שטאָרבן און אַנדערע מאַקאַבייער האָבן פאָרגעזעצט דעם קאַמף. עס האָט געדויערט נאָך צוואַנציק יאָר ביז שמעון, דער לעצטער פון די העלדישע מאַקאַבייער-ברידער, איז געוואָרן דער פירער פון אַ פריי יידיש פאָלק. דאָס איז אויך אַן אמתן געווען אַ וויכ-טיקע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע.

— און מער קיין מלחמות זיינען ניט פאָרגעקומען? — האָט

יהודית אַ זיפֿץ געטאָן. — יעדער איינער האָט געמוזט זיין זייער גליקלעך.

— יאָ, — האָט באַמערקט דער פֿאָטער — עס איז נישטאָ קיין גרעסער גליק ווי צו געווינען דעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט. און אפֿילו איצט, אין אונדזער צייט, דאַרף מען נאָך אַלץ פֿירן דעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט, יושר און גערעכטיקייט. מען דאַרף אַלעמאָל זיין גרייט צו קעמפֿן קעגן יענע, וועלכע ווילן שלעכטס טאָן אַנדערע מענטשן, דערפֿאַר ווייל זיי געפֿעלט ניט ווי אַזוי די אַנדערע מענטשן לעבן, אָדער זיי געפֿעלט ניט דער הויט-קאָליר פֿון די אַנדערע מענטשן. איך וויל אַז איר, קינדער, זאָלט אַלעמאָל געדענקען, אַז דאָס גרעסטע פֿאַרמעגן, וואָס מענטשן קאָנען פֿאַרמאָגן, איז פֿרייהייט. דאָס איז די באַדייטונג פֿון חנוכה, קינדער.

די ליכטלעך אין דעם חנוכה-לעמפּל האָבן אָנגעהויבן זיך זעצן און הייבן, זעצן און הייבן... דוד און יהודית זיינען גליקלעכע אַוועק שלאָפֿן.